ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסעביליטי הילף

**וויאזוי אויסצופילן די סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (SUPPLEMENTAL NUTRITION ASSISTANCE PROGRAM, SNAP) אפליקאציע/ריסערטיפיקעישען און רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן פון די וועלכע אפלייען אדער באקומען SNAP דער LDSS-4826 סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (SNAP)**

***אפליקאציע/ריסערטיפיקעישען קען נאר גענוצט ווערן צו אפלייען אדער ריסערטיפייען פאר SNAP***

אויב איר זענט בלינד אדער ערנצט וויזועל געשעדיגט און דארפט אן אפליקאציע אדער די אינסטרוקציעס אין אן אלטערנאטיווען פארמאט, קענט איר עס פארלאנגען פון אייער סאשעל סערוויסעס דיסטריקט (social services district, SSD). די פאלגענדע אנדערע פארמאטן זענען בנמצא:

- גרויסע אותיות;
- דאטא פארמאט (א עלעקטראנישע פייל וואס ספעציעלע קאמפיוטער פראגראמען קענען ארויסליינען הויך);
- אודיא פייל (די אנווייזונגען אדער די אפליקאציע זענען פארגעזאגט, און איר קענט עס אויסהערן); און
- ברעיל, אויב איר זאגט אז קיין איינס פון די אנדערע פארמאטן אויבן וועלן נישט ארבעטן די זעלבע גוט פאר אייך.

אפליקאציעס און אנווייזונגען זענען אויך דא צו דאַונלאָודען אין גרויסע אותיות, דאטא פארמאט און אין רעקארדירונג (אודיא פייל) פון www.otda.ny.gov. ביטע באמערקט אז די אפליקאציעס און אינסטראקשענס זענען צום באקומען אין אודיא פארמאט און אין ברעילי אויסשליסלעך פאר אינפארמאטיווע צוועקן. כדי צו מאכן א פארלאנג, מוזט איר אריינגעבן א געשריבענע אפליקאציע, נישט דורך אן אלטערנאטיווע פארמאט.

אויב איר האט סיי וועלכן דיסאביליטי וואס פארמיידט אייך פון אויספילן די אפליקאציע און/אדער פון ווארטן צו ווערן אינטערוויוד, ביטע טוט צו וויסן אייער SSD. די SSD וועט זיך אנשטרענגען צו צושטעלן א לאגישע לייזונג צו אדרעסירן אייערע באדערפענישן.

אויב איר דארפט אז מיר זאלן אייך צושטעלן אויף אן אנדערן אופן אדער אויב איר דארפט אנדערע הילף צו אויספילן דעם אפליקאציע, פארבינדט אייך ביטע מיט אייער SSD. מיר זענען איבערגעגעבן אייך צו העלפן און שטיצן אויף א פראפעסיאנאלן און בכבוד'יגן אופן.

ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסעביליטי הילף

# וויאזוי אויסצופילן די סאַפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם (SUPPLEMENTAL NUTRITION ASSISTANCE PROGRAM, SNAP) אפליקאציע/ריסערטיפיקעישען און רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן פון די וועלכע אפּלייען אדער באקומען SNAP (LDSS-4826)

***די LDSS-4826 אפליקאציע קען נאר גענוצט ווערן צו אפּלייען אדער ריסערטיפייען פאר SNAP***

אויב איר אפליייט אדער ריסערטיפייט נאר פאר SNAP, קענט איר נוצן די LDSS-4826 אפליקאציע. אויב איר ווילט אפּלייען פאר אנדערע בענעפיטן ווי צום ביישפיל צייטווייליגע הילף (Temporary Assistance), טשיילד קעיר הילף (Child Care Assistance), הייס ענערגיע הילף (Home Energy Assistance) אדער מעדיקעיד (Medicaid), בעהט ביטע פאר אן אנדערן אפליקאציע.

## ***ווען איר אפּלייט פאר SNAP***

- איר קענט פייל'ען אן אפליקאציע דעם זעלבן טאג וואס איר קריגט עס. מיר מוז אננעמען אייער אפליקאציע אויב עס האט, אמווייניגסטנס, אייער נאמען, אדרעס (אויב האט איר איינס), און אן אונטערשריפט. די אינפארמאציע וועט באשטימען פיילינג דאטום פון אייער אפליקאציע.
- איר מוזט פארענדיגן דעם גאנצן אפליקאציע פראצעדור, אריינרעכענענדיג צו אינטערוויוּאירט ווערן און צו אונטערשרייבן די באשטעטיגונג סטעיטמענט אויף בלאט 8 פון דעם אפליקאציע/ריסערטיפיקעישען בכדי אייער פארלאנג זאל איבערגעקוקט ווערן צו זעהן אויב איר זענט בארעכטיגט. אויב זענט איר בארעכטיגט, וועט איר באקומען בענעפיטן אויף צוריק ביז דער דאטום אויף וועלכן איר האט אויסגעפילט אייער אפליקאציע.
- איר קענט זיך ווענדן און באקומען SNAP פאר בארעכטיגטע הויזגעזינד מיטגלידער, אפילו אויב איר אליין אדער געוויסע אנדערע הויזגעזינד מיטגלידער זענען נישט בארעכטיגט פאר בענעפיטן צוליב אימיגראציע סטאטוס. צום ביישפיל, אומבארעכטיגט עלטערן וואס זענען נישט קיין בירגער קענען אפּלייען פאר SNAP און באקומען בענעפיטן פאר זייערע בארעכטיגטע קינדער.
- איר קענט זיך נאך אלץ ווענדן פאר SNAP אפילו אויב איר האט געגרייכט די צייטווייליגע הילף צייט באגרעניצונג.

## ***<u>זענט איר אין באלדיגע נויט פון SNAP בענעפיטן? איר קענט מעגליך זיין בארעכטיגט אז אייער SNAP אפליקאציע זאל ווערן איבערגעקוקט שנעלער.</u>***

אויב אייער הויזגעזונד האט ווייניג אדער בכלל נישט קיין איינקונפט אדער קעש/חפצים וואס קענען אויפגעטוישט ווערן פאר קעש, **אדער** אויב אייער רענט און יוּטילּיטי קאסטן זענען מער פון אייער איינקונפט און קעש/חפצים, **אדער** אויב איר זענט א פארמער אדער אנדערע סארט ארבעטער וואס האט נאר ארבעט אין געוויסע סעזאנען פון די יאר מיט ווייניג אדער בכלל נישט קיינע רעסארסן אין די צייט ווען איר אפּלייט, קענט איר זיין בארעכטיגט צו באקומען SNAP ביז 7 טעג אויפן לוח פון די דאטום ווען איר אפּלייט. ווען אן איינוואוינער פון אן אינסטיטוציע ווענדט זיך פאר SSI און SNAP איניינעם בעפאר פארלאזן דער אינסטיטוציע, וועט דער אפליקאציע פיילינג דאטום זיין דער טאג וואס דער אפליקאנט ווערט ארויסגעלאזט פון דער אינסטיטוציע.

## ***וואו איר קענט אפּלייען פאר SNAP***

אויב איר וואוינט **אינדרויסן פון** ניו יארק סיטי, קענט איר אפּלייען דורך די אינטערנעט אויף myBenefits.ny.gov, אדער דורכן רופן אדער באזוכן די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט אין די קאונטי וואו איר וואוינט און בעטן פאר די נויטיגע אפליקאציעס וועלכע קענען צוריקגעשיקט ווערן דורך די פאסט צו- אדער איבערגעגעבן ווערן ביי דעם באשטימטן אפיס. איר קענט באקומען די אדרעס און טעלעפאן נומער פון די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט אין אייער קאונטי דורכן רופן די אומזיסטע נומער **1-800-342-3009**.

אויב איר וואוינט אין **ניו יארק סיטי** און איר אפּלייט **נישט** פאר צייטווייליגע הילף, קענט איר אפּלייען דורך די אינטערנעט אויף http://www.nyc.gov/hra, אדער רופן אדער באזוכן סיי וועלכע SNAP אפיס און בעטן פאר אן אפליקאציע דורך די אינטערנעט. איר קענט באקומען דעם אדרעס און טעלעפאן נומער דורך רופן **1-718-557-1399** אדער די אומזיסטע נומער אויף **1-800-342-3009**.

## ***SNAP אינטערוויוּס***

SNAP אינטערוויוּס ווערן געווענטליך דורכגעפירט איבער די טעלעפאן. אויב ווילט איר ענדערש האבן אן אינטערוויוּ אינעם אפיס, מוזט איר דאס פארלאנגען פון אייער סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט.

## ווען איר ריסערטיפייט פאר SNAP

- איר מוזט אריינגעבן דעם אונטערגעשריבענעם ריסערטיפיקעישען אפליקאציע בעפאר די אינטערוויוּ.
- אויב פארפעלט איר אייער אינטערוויוּ, איז דאס אייער אחריות זיך צו פארבינדן מיט די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט צו באשטימען א נייע צייט פאר די אינטערוויוּ און פארמיידן אייער קעיס פון פארמאכט ווערן.

# אנווייזונגען וויאזוי צו אויספילן די SNAP אפליקאציע/ריסערטיפיקעישען

מאכט זיכער אויסצופילן יעדע טייל דורכן שרייבן קלאר אין בלויע אדער שווארצע טינט.

שרייבט **נישט** אריין אין די טונקעלע פלעצער אויף די אפליקאציע.

אויב איר אפליייט אלץ איינעם'ס פארטרעטער, שרייבט ביטע אריין די אינפארמאציע פון דעם מענטש — נישט אייערס.

**אנדערע פארמאטן:** צייכנט אן "יא" אדער "ניין" אונז צו לאזן וויסן אויב איר זענט בלינד אדער אויב איר זעהט שווער און ווילט באקומען די געשריבענע מעלדונגען אין אן אנדערן פארמאט. אויב "יא", וועהלט אויס די סארט פארמאט וואס איר ווילט באקומען. אנדערע פארמאטן זענען דא צו באקומען אין גרויסע אותיות, דאטא CD, אודיא CD אדער ברעיל — אויב איר זאגט אז קיין איינס פון די אנדערע פארמאטן וועלן נישט ארבעטן די זעלבע גוט פאר אייך. אויב איר דארפט אז מיר זאלן אייך צושטעלן אויף אן אנדערן אופן אדער אויב איר דארפט אנדערע הילף צו אויספילן דעם אפליקאציע, פארבינדט אייך ביטע מיט אייער SSD.

<u>**טייל 1: אפליקאנט אינפארמאציע**</u>

**נאמען: שרייבט** אייער לעגאלע נאמען, אריינרעכענענדיג אייער ערשטע נאמען, ראשי תיבות פון די מיטעלע נאמען און די לעצטע נאמען.

**טעלעפאן נומער: שרייבט** אייער היים טעלעפאן נומער.

**אנדערע טעלעפאן: שרייבט** אן אנדערע טעלעפאן נומער וואו מען קען אנקומען צו אייך, אויב איר האט איינס.

**וואוינונג אדרעס: שרייבט** די נאמען פון די סטריט, עוועניו, ראוד, א.ד.ג. וואו איר וואוינט יעצט. שרייבט די נאמען פון די שטאט וואו איר וואוינט. שרייבט אייער זיפ קאָוד.

**פאסט אדרעס: שרייבט** אייער פאסט אדרעס אויב עס איז נישט די זעלבע ווי אייער וואוינונג.

**אנדערע נאמען: שרייבט** אריין סיי וועלכע מוידן נאמען (פון פאר די חתונה), נעמען פון פריערדיגע הייראטן, אדער אנדערע נעמען מיט וועלכע דער מענטש וואס איז אויסגערעכנט איז באקאנט געווען אדער נוצט יעצט.

צייכנט אן מיט א טשעק (✓) אויב איר אפליייט אדער ריסערטיפייט פאר SNAP.
צייכנט אן מיט א טשעק (✓) אויב איר ווילט באקומען מעלדונגען אין ספאַניש **און** אין ענגליש אדער נאר אין ענגליש.

<u>**טייל 2**</u>**:** שרייבט אונטער אייער נאמען, שרייבט די דאטום און גיבט איבער אייער אדרעס (אויב איר האט איינס) **נאר** אויב איר ווילט אריינגעבן אייער אפליקאציע אן אויספילן די קומענדיגע בלאט אין די יעצטיגע צייט כדי צו יעצט באשטימען די דאטום ווען איר האט אפיציעל אריינגעגעבן אייער אפליקאציע. איר מוזט פארענדיגן דעם גאנצן אפליקאציע פראצעדור, אריינרעכענענדיג צו אינטערוויוארט ווערן און צו אונטערשרייבן די באשטעטיגונג סטעיטמענט אויף בלאט 8 כדי אייער פארלאנג זאל איבערגעקוקט ווערן צו זעהן אויב איר זענט בארעכטיגט.

<u>**טייל 3: הויזגעזונד מיטגלידער אינפארמאציע:**</u>

**רעכנט אויס די נעמען פון יעדער איינער וואס <u>וואוינט מיט אייך</u>, אפילו אויב זיי אַפלייען נישט צוזאמען מיט אייך.**
**שרייבט** איייער פולע נאמען קודם. דערנאך **שרייבט** די נעמען פון אלע אנדערע מענטשן וועלכע וואוינען מיט אייך:

**שרייבט** די סאָושעל סעקיוריטי נומער (אויב דער מענטש האט נישט קיין SSN, שרייבט אריין "נישטא"), געבורטס דאטום, חתונה סטאטוס און זכר/נקבה פאר יעדער מענטש וואס אפלייט.

צייכנט אן מיט א טשעק (✓) יא אדער ניין אונז צו זאגן ווער עס אפלייט.

פאר **יעדער** מענטש אין די הויזגעזונד, שרייבט וויאזוי זיי זענען פארבינדן מיט אייך (צום ביישפיל: ווייב, זוהן, פריינד, א.ד.ג.).

צייכנט אן מיט א טשעק (✓) יא אדער ניין אויב דער מענטש קויפט און/אדער גרייט צו עסן מיט אייך.

צייכנט אן מיט א טשעק (✓) יא אדער ניין צו זאגן פאר יעדער מענטש וואס אפלייט אויב זיי זענען היספאניש אדער לאטינא.

שרייבט Y (יא) אדער N (ניין) פאר יעדע ראסע*.

ראסע/אפשטאם קאָודס: **I** – נעיטיוו אמעריקאנער אדער נעיטיוו אלאסקער, **A** – אזיאנער, **B** – טונקל-הויטיג אדער אפריקאנער אמעריקאנער, **P** – נעיטיוו האוואיער אדער פאסיפיק אײלענדער, **W** – ווייס

איר זענט נישט געפאדערט צו איבערגעבן די אינפארמאציע. עס וועט נישט האבן א השפעה אויף די בארעכטיגונג פון די מענטש וואס געבט זיך איין אדער די צאל הילף וואס מען באקומט. די סיבה פארוואס מיר בעטן די אינפארמאציע איז צו פארזיכערן אז פראגראם בענעפיטן ווערן פארטיילט אפגעזעהן פון ראסע, קאליר, אדער פון נאציאנאלע אפשטאם.

<u>**טייל 4**</u>**:** ענטפערט אלע פראגן אין טייל 4. מאכט זיכער צו איבערגעבן די נעמען פון די מענטשן וועלכע זענען <u>נישט</u> קיינע בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן.

**<u>טייל 5: איינקונפט</u>:** רעכנט אויס אלע איינקונפט פון אייך און די איינקונפט פון יעדער וואס וואוינט מיט אייך. שרייבט אריין די נאמען פון די מענטש וואס באקומט די איינקונפט, די מקור פון וואו די איינקונפט קומט און ווי אפט עס ווערט באקומען. איינקונפט קען אריינרעכענען: רעגלמעסיגע דזשאב (געהאלט), איינקונפט בעפאר סטרייק, זיך אריינלערנען אויף די ארבעט, מיליטער רעזערוו, נעשיאנאל גאַרד, ארבעט שטודירן, עלימאָני (געלט פון געוועזענע/יעצטיגע מאן/ווייב), טשיילד סופּארט, הילף מיט בילדונג (גרענטס, סקאָלערשיפּס, א.ד.ג.), פריינט אדער קרובים (חוץ פון הלוואות), ציטווייליגע הילף, פענסיע אדער רעטייערמענט, סאָפּלעמענטעל סעקיוריטי איינקונפט (Supplemental Security Income, SSI), סאָושעל סעקיוריטי בענעפיטן, וועטעראַן'ס בענעפיטן, ארבעטסלאזיגקייט (אָנעמפּלאָימענט) בענעפיטן, ארבעטער'ס פארגוטיגונג (קאמפּענסעישען), בעיביסיטינג, דרייוון א טעקסי, רייניגן הייזער אדער אנדערע געביידעס, פּאַרמער/פּאַסטוך ארבעט, איינקונפט פון איינעם וואס צאלט אייך איינצושטיין ביי אייך אדער פון קונסטווערק.

***באמערקונג:*** פאסטער קעיר באצאלונגען (פאר אן אדאפטעד קינד/ערוואקסענער) און SNAP – איר קענט אויסוועהלן צו אריינרעכענען דעם אדאפּטירטן קינד/ערוואקסענעם אין די SNAP הויזגעזונד. אויב איר רעכנט זיי אריין, וועלן סיי וועלכע פאסטער קעיר באצאלונגען גערעכנט ווערן אלץ איינקונפט. אלע אנדערע איינקונפט אדער רעסארסן וואס קומען וועגן דעם אדאפּטירטן קינד וועלן אויך אריינגערעכנט ווערן. אויב האט ארי סיי וועלכע פראגן איבער דעם, מאכט זיכער זיי צו פרעגן פון אייער ווארקער.

מאכט זיכער צו ענטפערן אלע פראגן אין טייל 5.

**<u>טייל 6: רעסאָרסן</u>:** רעסאָרסן טוישן רוב מאל <u>נישט</u> אויב א הויזגעזונד וואס אפּלייט פאר SNAP איז בארעכטיגט אדער נישט. טייל אינפארמאציע איבער רעסאָרסן ווערט אבער גענוצט צו באשטימען אויב איר זענט קוואליפיצירט אז אייער אפליקאציע זאל ווערן שנעלער איבערגעקוקט.

ענטפערט אלע פראגן אין טייל 6 פאר זיך אליין און פאר יעדער וואס אפּלייט פאר SNAP. רעכנט אויס די סומע אדער ווערט אין דאלאר ($) און די נאמען פון דעם מענטש וואס האט דעם רעסאָרס. **מאכט זיכער צו אויסרעכענען סיי וועלכע פארמעגן וואס איר האט צוזאמען מיט אנדערע מענטשן וואס זענען נישט הויזגעזונד מיטגלידער**. רעסאָרסן קענען אריינרעכענען סיי וועלכע פון די פאלגנדע: קעש אין האנט, קעש געהאלטן דורך אנדערע, טשעקינג אדער סעיווינגס אקאונט, סעיווינגס באנדס, פערזענליכע רעטייערמענט אקאונט, פענסיע פלאן, אינדיווידועלע דעוועלאפּמענט אקאונט, סטאקס/באנדס, געמיינזאמע קאסעס (מיוטשועל פאָנדס), טראָסט קאסע, מאָני מאַרקעט סערטיפיקאטן, געביידעס, לאנד, רענט פראפּערטי, וואקאציע אדער פאראייילונג פּראפּערטי אדער נאך א הויז חוץ פון אייער היים.

**<u>טייל 7: בילדונג (עדזשוקעישען)/טרעינירונג און שפּראך</u>:** שרייבט אריין די נאמען פון יעדן אין די הויזגעזונד פון 16 יאר אדער עלטער וואס אפּלייט, אריינרעכענענדיג זיך אליין. פאר יעדע מענטש, שרייבט אריין אן "X" אין די קעסטל אין די "העכסטע שטאפּל פון בילדונג" טייל, נוצנדיג די בילדונג און טרעינירונג קאָודס אנגעוויזן אויף די SNAP אפליקאציע (LDSS-4826). צייכנט אן נאר איין קעסטל פער מענטש. אויב איר לייגט אריין אן "X" אונטער "0" פאר א מענטש, (מיינענדיג אז איר גיבט איבער אז זיי האבן נישט א הויך שולע דיפּלאָמע אדער א דיפּלאָמע וואס פארגלייכט זיך צו הויך שולע), שרייבט אריין די העכסטע שולע קלאס וואס זיי האבן געענדיגט אין די "העכסטע קלאס אין שולע פארענדיגט" קעסטל. לאזט די "העכסטע קלאס אין שולע פארענדיגט" קעסטל ליידיג אויב די "0" איז נישט אנגעצייכנט פאר א מענטש אין הויך שולע אדער פאר איינער וואס ארבעט יעצט צו באקומען א דיפּלאָמע וואס פארגלייכט זיך צו הויך שולע. ביטע שרייבט אריין די הויפּט שפּראך וואס יעדער מענטש פון 16 יאר און עלטער אין די SNAP הויזגעזונד רעדט. די הויפּט שפּראך איז די שפּראך וואס דער מענטש רעדט די מערסטע אפט.

באמערקונג: איר זענט נישט געפאדערט איבערצוגעבן אינפארמאציע איבער די העכסטע שטאפּל פון בילדונג, העכסטע שולע קלאס און הויפּט שפּראך — עס איז פרייוויליג. עס וועט נישט האבן א השפעה אויף די בארעכטיגונג פון די מענטש וואס געבט זיך איין אדער די צאל הילף וואס מען באקומט. די אינפארמאציע ווערט געבעטן צו נאכקומען די פעדעראלע באריכטונג פאדערונגען.

**<u>טייל 8: וואוינונג אראנזשירונגען און אויסגאבן</u>:**

שרייבט אריין די סומע וויפיל איר צאלט פאר רענט, מאָרטגעדזש, פאר א צימער אדער פארן איינשטיין ביי איינעם אדער פאר אן אנדערע סארט האַוזינג צושטאנד. רעכנט אויס די סומע אין דאלאר ($) וואס איר צאלט פאר אייערע פּראפּערטי טעקסעס און פאר היים אייגנטומער'ס אינשורענס.

אויב צאלט איר פאר הייצונג באזונדער, צייכנט אן מיט א טשעק (✓) וועלכע סארט הייצונג איר האט און שרייבט אריין די נאמען פון די הייצונג פירמע און אייער אקאונט נומער.

צייכנט אויך צו אויב:

- איר צאלט פאר אנדערע יוטיליטיס באזונדער פון אייער רענט/מאָרטגעדזש, אויב איר האט עיר קאָנדישאנינג קאסטן, און אויב איר האט — ווער עס צאלט די באזונדערע אויסגאבן.
- איינער באצאלט טשיילד סופּארט זייענדיג לעגאל פארפליכטעט, און אויב אזוי — ווער, וויפיל, ווי אפט און די נאמען פון קינד(ער) פאר וועם די סופּארט ווערט געצאלט?
- איינער אין די הויזגעזונד וואס אפּלייט און איז דיסעיבעלד אדער צום ווייניגסטנס 60 יאר אלט האט סיי וועלכע מעדיצינישע בילס ווי צום ביישפּיל פאר נוירסינג סערוויס אינדערהיים, פאלשע ציינער, הערן מאשינדל, אויגן גלעזער, הונט אדער חיות צו באגלייטן, העלט אינשורענס און מעדיצינישע באצאלונגען, שפּיטאל אדער נוירסינג קעיר, מעדיצינישע אדער צאן דאקטאר סערוויסעס, פארשריבענע מעדיצינען אדער מעדיצינישע טראנספּארטאציע?
- איינער אין אייער הויזגעזונד איז אויף מעדיקעיד (Medicaid) מיט א "ספּענד דאַון" (באצאלנדיג אביסל כדי צו זיין בארעכטיגט), און אויב יא, ווער און וויפיל?
- איינער אין אייער הויזגעזונד איז איינגעשריבן אין שולע אדער אין א טרעינירונג פראגראם, און אויב אזוי, ווער, וואו און סטאטוס פון זיין איינגעשריבן?
- אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך פון 16 יאר אדער עלטער און אפּלייט איז טראגעדיג (פרעגנענט), וועהלט אויס "יא" און שרייבט אייער/זייער נאמען אין די פלאץ נאך די פראגע.
- אויב איר אדער איינער וואס וואוינט מיט אייך פון 16 יאר אדער עלטער האט סיי וועלכע מעדיצינישע פראבלעם וואס האלט אייך/זיי צוריק פון ארבעטן אדער פון טוהן געוויסע סארטן ארבעט, וועהלט אויס "יא" און שרייבט אייער/זייער נאמען אין די פלאץ נאך די פראגע.

מאכט זיכער צו ענטפערן אלע פראגן אין טייל 8.

**טייל 9: לעגאלע סטעיטמענטס, פאראנטווארטליכקייטן און שטראפן:** **לייענט דורך דעם טייל פארזיכטיג אדער בעט פון איינעם עס צו פארלייענען פאר אייך.**

***באמערקונג:*** NY סטעיט געזעץ טיילט צו א קנס, טורמע אדער ביידע פאר א מענטש וואס ווערט געפונען שולדיג אינעם ערהאלטן SNAP דורכן באהאלטן פאקטן אדער נישט זאגן די אמת.

איך פארשטיי אז די סטעיט וועט נוצן מיין סאושעל סעקיוריטי נומער צו באשטעטיגן מיט מיין היים ענערגיע פירמעס אז זיי באקומען די באצאלונגען פון HEAP. די אויטאריזאציע רעכנט אויך אריין ערלויבעניש פאר סיי וועלכע פון מיינע היים ענערגיע פירמעס (אריינרעכענענדיג מיין יוטיליטי) צו ארויסגעבן געוויסע סטאטיסטישע אינפארמאציע, אריינרעכענענדיג – אבער נישט נאר – מיינע יערליכע עלעקטריציטעט באנוץ, עלעקטריציטעט קאסטן, גאז באנוץ, גאז סארט, יערליכע גאז קאסטן און היסטאריע פון באצאלונגען — די אלע אינפארמאציע וועלן קענען ארויסגעגעבן ווערן צו די אפיס פון צייטווייליגע און דיסעבילעטי הילף, די לאקאלע סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט און פאר די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט פון געזונטהייט און מענטשליכע סערוויסעס (Department of Health and Human Services) פאר די צוועקן פון אפשאצן ווי גוט די נידעריגע-איינקונפט היים ענערגיע הילף פראגראם (Low Income Home Energy Assistance Program, LIHEAP) פירט דורך די ארבעט.

**אנמערקונג איבער דיסקרימינאציע פארבאט –** לויט די פעדעראלע ציווילע רעכטן געזעץ און די פאראייניגטע שטאטן אגריקולטור דעפארטמענט (U.S. Department of Agriculture, USDA) ציווילע רעכטן רעגולאציעס און פאליסיס, איז די אינסטיטוציע פארבאטן פון דיסקרימינירן לויט ראסע, קאליר, נאציאנאלע אפשטאם, מאן/פרוי (אריינרעכענענדיג דזשענדער אידענטיטעט און סעקסועלע אריענטאציע), רעליגיעזע גלויבונג, דיסאבילעטי, עלטער, פאליטישע גלויבונגען אדער זיך צו נוקם זיין פאר פריערדיגע שריט אין פארבינדונג מיט ציווילע רעכטן.

פראגראם אינפארמאציע קען צוגעשטעלט ווערן אין נאך שפראכן חוץ ענגליש. מענטשן מיט דיסאַבילעטיס וואס דארפן צוקומען צו אנדערע מיטלען פון קאמיוניקאציע כדי צו באקומען פראגראם אינפארמאציע (ווי צ.ב.ש. ברעיל, גרויסע אותיות, אודיא טעיפ, 'אמעריקען סיין לענגוועדזש' אדער שטום שפראך, ובדו'), זאלן זיך פארבינדן מיט דער אגענטור (סטעיט אדער לאקאל) וואו זיי ווענדן זיך פאר בענעפיטס. מענטשן וועלכע זענען טויב, הערן שוואך אדער האבן רעדן דיסאביליטיס קענען זיך פארבינדן מיט די USDA דורך די פעדעראלע רילעי סערוויס אויף (800) 877-8339.

צו אריינגעבן א פראגראם דיסקרימינאציע קאמפלעינט, זאל דער מענטש וואס וויל זיך באקלאגן אויספילן אן AD-3027 בויגן – USDA פראגראם דיסקרימינאציע קאמפלעינט בויגן – וואס קען ערהאלטן ווערן אויף די אינטערנעט פון: http://www.usda.gov/sites/default/files/documents/ad-3027.pdf, פון סיי וועלכע USDA אפיס, דורכן רופן (833) 620-1071 אדער דורכן שרייבן א בריוו אדרעסירט צו די USDA. די בריוו מוז האבן די נאמען, אדרעס און טעלעפאן נומער פון דער מענטש וואס באקלאגט זיך און א געשריבענע שילדערונג פון די אנגעבליכע דיסקרימינירנדע שריט בפרטיות כדי צו לאזן וויסן פאר דעם געהילף סעקרעטאר פאר ציווילע רעכטן (Assistant Secretary for Civil Rights, ASCR) איבער וויאזוי און ווען די אנגעבליכע ציווילע רעכטן פארלעצונג איז פארגעקומען. די אויסגעפולטע AD-3027 פארם אדער בריוו מוז ווערן אריינגעגעבן צו:

(1) פאסט: Food and Nutrition Service, USDA
1320 Braddock Place, Room 334
Alexandria, VA 22314; אדער

(2) פאקס: 256-1665 (833) אדער 690-7442 (202); אדער

(3) אימעיל: FNSCIVILRIGHTSCOMPLAINTS@usda.gov.

די אינסטיטוציע שטעלט צו גלייכע מעגליכקייטן פאר יעדן.

**טייל 10: SNAP אויטאריזירטער פארטרעטער:** אויב איר ווילט אז איינער וואס איז נישט פון אייער הויזגעזונד זאל אפלייען פאר SNAP בענעפיטן אדער באקומען אן EBT קארטל אלס אויטאריזירטער פארטרעטער צו קויפן די עסנווארג פאר אייך, שרייבט זייער נאמען, אדרעס און טעלעפאן נומער, חוץ אויב דער אויטאריזירטער פארטרעטער איז שוין באשטימט געווארן דורך די הויזגעזונד אין שריפט אין אנדערן מאל.

**טייל 11: אונטערשריפטן:** שרייבט אונטער אייער נאמען. אויב איר זענט אן אויטאריזירטער פארטרעטער, מוזט סיי איר און סיי א פאראנטווארטליכער ערוואקסענער מיטגליד אונטערשרייבן און צוצייכענען די דאטום אויף די אונטערשריפט טיילן אויף בלאט 8 פון דעם אפליקאציע/ריסערטיפיקעישען.

ווען אן אויטאריזירטער פארטרעטער אפלייט פאר א SNAP הויזגעזונד וואס וואוינט נישט אין אן אנשטאלט, מוזן **סיי** דער אויטאריזירטער פארטרעטער און **סיי** די הויפט פון די הויזגעזונד אדער אן אנדערער פאראנטווארטליכער ערוואקסענער מיטגליד פון די הויזגעזונד אונטערשרייבן און צוצייכענען די דאטום אויף די אונטערשריפט טיילן אויף בלאט 8 פון דעם אפליקאציע/ריסערטיפיקעישען.

**טייל 12: נאך אינפארמאציע:** נוצט דעם טייל אונז צו לאזן וויסן סיי וועלכע אנדערע אינפארמאציע וואס איר טראכט אז מיר דארפן מעגליך וויסן.

**טייל 13: צוריקצויהען צושטימונג:** אויב איר באשליסט אז איר ווילט מער נישט אפלייען פאר SNAP, שרייבט אונטער אייער נאמען און צייכנט צו די דאטום. איר קענט ווידער אפלייען אין יעדן צייט.

***באמערקונג:*** **די לעצטע בלאט פון דעם אפליקאציע איז אן אפליקאציע זיך צו רעגיסטרירן צו שטימען. אויב איר ווילט באקומען הילף אויסצופילן דעם וויילער רעגיסטראציע בויגן, בעט אייער וואָרקער אייך צו העלפן. אפלייען אדער אפזאגן זיך צו רעגיסטרירן צו שטימען (אין די וואלן) וועט נישט משפיע זיין אויף די באשלוס וואס ווערט געמאכט איבער אייער ריסערטיפיקעישען פאר בענעפיטס, אדער די סומע פון הילף וואס איר וועט קענען באקומען.**

| |
|---|
| אינפארמאציע פון אייער אפליקאציע און פון אייער אינטערוויו וועלן אריינגעלייגט ווערן און אוועקגעלייגט ווערן אין די רעגירונג-פראגראמען פארוואלטונג סיסטעם (Welfare Management System, WMS), א קאמפיוטער סיסטעם פאר די גאנצע סטעיט. די סיסטעם ווערט גענוצט צו פארבעסערן די פארוואלטונג פון סאָושעל סערוויסעס פראגראמען און צו פארמיידן שווינדלערייען. |

**לייענט די וויכטיגע אינפארמאציע אונטן**

**רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן פון די וועלכע אפלייען אדער באקומען SNAP**

**נאך אינפארמאציע איבער אייערע רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן איז דא אין די קליענט אינפארמאציע ביכלעך (LDSS-4148A; LDSS-4148B און LDSS-4148C). די ביכלעך זענען דא צו באקומען ביי אייער סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט און דורך די אינטערנעט.**

***איר האט רעכטן:***

- אלץ איינער וואס אפלייט אדער באקומט SNAP מוזט איר אינטערוויואירט ווערן ווי שנעלער מעגליך כדי צו באשטימען אויב איר זענט בארעכטיגט און צו שיקן די בענעפיטן ביז 30 טעג פון ווען די אפליקאציע איז אריינגעגעבן געווארן.
- SNAP אינטערוויוס ווערן געווענטליך דורכגעפירט איבער די טעלעפאן. אויב ווילט איר ענדערש האבן אן אינטערוויו אינעם אפיס, מוזט איר דאס פארלאנגען פון אייער סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט.
- איר קענט מיטברענגען איינעם צו אייער אינטערוויו אלץ דאלמעטשער. אויב איר דארפט א דאלמעטשער, וועט די אגענטור דאס צושטעלן פאר אייך אומזיסט. איר קענט נישט ווערן צוריקגעוויזן די מעגליכקייט צו באקומען הילף ווייל איר זענט נישט פליסיג אין ענגליש אדער ווייל איר האט שוועריגקייטן צו הערן אדער רעדן. סאָושעל סערוויסעס דיסטריקטס קענען זיך באנוצן מיט די TTY/TTD מאשינען צו צושטעלן צוגענגליכקייט סערוויסעס פאר מענטשן וועלכע אפלייען פאר אדער באקומען SNAP און האבן שוועריגקייטן צו הערן אדער רעדן. אויב איר האט סיי וועלכע ספעציעלע באדערפענישן, קענט איר בעטן פון אייער סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט אז זיי זאלן זיך צושטעלן צו אייך.
- אויב איר האט א דיסעביליטי, האט איר די זעלבע רעכט צו האבן די מעגליכקייט צו באקומען און אינטערוויואירט ווערן פאר SNAP ווי איינער וואס האט נישט א דיסעביליטי.
- איר מוזט איינגעמאלדן ווערן ביז 30 טעג פון די טאג ווען איר האט אריינגעגעבן אייער אַפּליקאציע פאר SNAP בענעפיטס, אויב אייער אַפּליקאציע איז געווארן באשטעטיגט אדער צוריקגעוויזן. אויב איר זענט בארעכטיגט אז אייער אפליקאציע זאל איבערגעקוקט ווערן שנעלער, מוזט איר איינגעמאלדן ווערן ביז 7 טעג נאך דעם דאטום ווען איר האט אריינגעשיקט אייער אפליקאציע אויב איר זענט בארעכטיגט פאר SNAP און/אדער איינגעמאלדן ווערן אויב עס פעהלן אויס נאך דאקומענטן.
- איר מוזט איינגעמאלדן ווערן אין שריפט אויב אייער אַפּליקאציע איז געווארן באשטעטיגט אדער צוריקגעוויזן:
  - -- אויב אייער אפליקאציע ווערט באשטעטיגט, וועט די מעלדונג אייך לאזן וויסן די סומע פון SNAP בענעפיטן וואס איר וועט באקומען;
  - -- אויב אייער אפליקאציע ווערט צוריקגעוויזן, וועט די מעלדונג אייך לאזן וויסן פארוואס און וואס איר זאלט טון אויב איר זענט נישט איינשטימיג אדער אויב איר פארשטייט נישט דעם באשלוס.

***וואס איז א יושר'דיגע געהער***

א יושר'דיגע געהער איז א געלעגנהייט פאר אייך צו זאגן פאר א ריכטער פון אדמיניסטראטיווע געזעץ פון די ניו יארק סטעיט אגענטור פאר צייטווייליגע און דיסעביליטי הילף פארוואס איר האלט אז דער באשלוס פון די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט איבער אייער קעיס איז נישט ריכטיג. נאך די יושר'דיגע געהער, וועט די סטעיט ארויסגעבן א געשריבענע באשלוס וועלכע וועט זאגן אויב דער באשלוס פון די לאקאלע סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט איז געווען ריכטיג אדער אומריכטיג. דער געשריבענער באשלוס וועט מעגליך הייסן פאר די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט צו פארעכטן אייער קעיס.

***צייט באגרעניצונג צו פארלאנגען א יושר'דיגע געהער***

אויב איר ווילט פארלאנגען א יושר'דיגע געהער פאר SNAP, רופט **באלד** ווייל די צייט אזוי צו טוהן איז באגרעניצט. אויב אירווארט צו לאנג, וועט איר מעגליך נישט קענען באקומען א יושר'דיגע איבערזוכט. **אויב איר באקומט א מעלדונג איבער אייער קעיס** און איר ווילט פארלאנגען א יושר'דיגע געהער, וועט די מעלדונג אייך זאגן וויפיל צייט איר האט צו פארלאנגען אזא יושר'דיגע געהער. **מאכט זיכער צו פארזיכטיג דורכלייענען די מעלדונג. אויב אייער מעלדונג זאגט אייך אז אייערע SNAP בענעפיטן זענען צוריקגעוויזן געווארן, וועלן אפגעשטעלט ווערן אדער רעדוצירט ווערן, קענט איר פארלאנגען א יושר'דיגע געהער ביז 90 טעג נאך די דאטום פון די מעלדונג. איר קענט פארלאנגען א יושר'דיגע געהער אויב איר טראכט אז איר באקומט נישט גענוג SNAP בענעפיטן אין יעדע צייט דורכאויס די תקופה פאר וועלכע איר זענט סערטיפייד.**

**לייענט די וויכטיגע אינפארמאציע פון אונטן *(פארגרעסערט)***

***וויאזוי צו פארלאנגן א יושר'דיגע איבערזוכט***

אויב איר וואוינט סיי וואו אין ניו יארק סטעיט, קענט איר פארלאנגען א יושר'דיגע געהער דורך די טעלעפאן, פאקס, דורך די אינטערנעט, אדער דורכן שרייבן צו די אדרעס אונטן.

**טעלעפאן:** די בחינם'דיגע נאמבער צו רופן מיט א פארלאנג דורכאויס די סטעיט איז 800-342-3334. ביטע האלט מיט זיך דער מודעה, אויב איר האט איינס, ווען איר רופט.

**שיקט דורך פאקס:** אייער פארלאנג פאר א יושר'דיגע געהער צו: 518-473-6735

**דורך די אינטערנעט:** פילט אויס אנליין פארלאנג בויגן אויף http://otda.ny.gov/hearings/

**אין שריפט:** אויב איר האט באקומען א מעלדונג, פילט אויס די צוגעלייגטע ליידיגע פלאץ און שיקט א קאפיע פון די מעלדונג, **אדער** שרייבט צו:
**Fair Hearing Section**
**NYS Office of Temporary and Disability Assistance**
**Fair Hearings**
**P.O. Box 1930**
**Albany, New York 12201-1930** *ביטע האלט ביי אייך א קאפיע פון סיי וועלכע מעלדונג*

**פערזענליך:** אויב איר וואוינט אין ניו יארק סיטי קענט איר אויך מאכן אייער פארלאנג דורכן אראפקומען פערזענליך דורכן אריינקומען צו די **Office of Administrative Hearings, Office of Temporary & Disability Assistance, 14 Boerum Place, Brooklyn, New York**

**עמערדזשענסי –** אויב אייער מצב איז גאר דרינגנד, וועט די ניו יארק סטעיט אפיס פאר צייטווייליגע און דיסעבילִיטי הילף אייך צושטעלן א יושר'דיגע געהער ווי שנעלער מעגליך. ווען איר רופט אדער שרייבט צו פארלאנגען א יושר'דיגע געהער, מאכט זיכער צו ערקלערן אז אייער צושטאנד איז גאר דרינגנד.

**באמערקונג:** פאר ניו יארק סיטי נאר עמערדזשענסי יושר'דיגע געהערן – רופט 800-205-0110. ניצט נישט דעם טעלעפאן נומער פאר סיי וואס אויסער פאר עמערדזשענסיס. בקשות וואס זענען נישט קיין עמערדזשענסיס וועלן נישט אויפגענומען ווערן ביי דעם נומער.

**דאלמעטשערס –** איר האט די רעכט צו האבן א דאלמעטשער צו איבערטייטשן פאר אייך אומזיסט אויב ענגליש איז נישט אייער הויפט שפראך, אדער אויב איר האט שוועריגקייטן צו הערן אדער רעדן.

**אנגייענדע הילף (עיד קאַנטיניוּאינג) –** אויב איר באקומט א מעלדונג וועלכע לאזט אייך וויסן אז אייערע בענעפיטן וועלן אפגעשטעלט אדער רעדוצירט ווערן, און איר פארלאנגט א יושר'דיגע געהער בעפאר די **דאטום ווען עס גייט אריין אין קראפט** ווי עס שטייט אויף אייער מעלדונג, דאן וועלן אייערע SNAP בענעפיטן בלייבן דאס זעלבע אין רוב פעלער **("עיד קאַנטיניוּאינג")** ביז א באשלוס ווערט געמאכט פון די יושר'דיגע געהער. אויב איר באקומט נישט א מעלדונג איבער אייער קעיס, און אייערע בענעפיטן ווערן אפגעשטעלט אדער רעדוצירט, קענט איר בעטן אז אייערע SNAP זאלן צוריק אנגעהויבן ווערן **("עיד קאַנטיניוּאינג")** ביז א באשלוס ווערט געמאכט פון די יושר'דיגע געהער אין די זעלבע צייט ווען איר פארלאנגט די יושר'דיגע געהער.

אבער אויב איר באקומט **"עיד קאַנטיניוּאינג"** און איר פארלירט ביי די יושר'דיגע געהער, וועט איר מעגליך דארפן צוריקצאלן סיי וועלכע בענעפיטן וואס איר האט באקומען אלץ "עיד קאַנטיניוּאינג" בשעת'ן ווארטן פאר די באשלוס פון די יושר'דיגע געהער. אויב איר ווילט **נישט** אז די SNAP בענעפיטן וואס איר פלעגט באקומען צו בלייבן די זעלבע ביז א באשלוס ווערט געמאכט פון די יושר'דיגע געהער, מוזט איר דאס זאגן פאר די ניו יארק סטעיט אפיס פאר צייטווייליגע הילף און דיסעבילִיטי הילף ווען איר רופט אדער שרייבט פארלאנגענדיג א יושר'דיגע געהער.

***וויאזוי זיך צו צוגרייטן פאר א יושר'דיגע געהער***

די ניו יארק סטעיט אגענטור פאר צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף וועט אייך שיקן א נאטיץ וועלכע וועט אייך אינפארמירן ווען און ווי דער יושר'דיגע איבערזוכט וועט פארקומען. אייך צו העלפן זיך גרייטן פאר דער יושר'דיגע איבערזוכט, האט איר די רעכט איבערצוקוקן אייער קעיס רעקארד און באקומען אומזיסטע קאפיעס פון די פארעמס און פאפירן וועלכע וועלן געגעבן ווערן צום אדמיניסטריוו-געזעץ ריכטער ביי דעם יושר'דיגע איבערזוכט. איר קענט אויך באקומען אומזיסטע קאפיעס פון סיי וועלכע אנדערע פאפירן אין אייער קעיס רעקארד וועלכע איר האלט אז איר וועט עס דארפן ביי דעם יושר'דיגע איבערזוכט. געוועגליך קענט איר באקומען די פאפירן בעפאר דעם היערינג, אדער שפעטסטנס בשעת דער היערינג. אויב איר פארלאנגט סיי וועלכע פאפירן פארבינדן מיט אייער געהער, און די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט גיבט זיי נישט פאר אייך בעפאר אדער ביי די געהער, זאלט איר זאגן דעם אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער איבער דעם.

איר זאלט אויך מיטברענגען צום יושר'דיגן געהער סיי וועלכע עדים וועלכע קענען אייך העלפן און סיי וועלכע אינפארמאציע וואס איר האט, ווי צום ביישפיל: **געהאלט סטאָבּס, בילס, רעסיטס, ליעסעס, דאקטאר'ס סטעיטמענטס,** אייך צו העלפן ערקלערן פארוואס איר טראכט אז די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט'ס באשלוס איז נישט ריכטיג.

איר קענט מיטברענגען א לויער, א קרוב, אדער א פריינט צו די יושר'דיגע געהער אייך צצו העלפן ערקלערן פארוואס איר טראכט אז די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט'ס באשלוס איבער אייער קעיס איז אומריכטיג. אויב איר מיינט אז איר דארפט האבן א לויער אייך צו העלפן מיט דעם פעיר היערינג, קענט איר מעגליך באקומען א לויער בחינם דורך רופן אייער לאקאלע 'ליגאל עיד' אדער לעגאלע סערוויסעס אפיס. פאר די נעמען פון אנדערע לאויערס, רופט אייער לאקאלע בּאַר אסאסיעשען.

**לייענט די וויכטיגע אינפארמאציע פון אונטן *(פארגעזעצט)***

איינער פון די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט וועט אויך זיין ביי די יושר'דיגע געהער צו ערקלערן די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט'ס באשלוס איבער אייער קעיס. איר אדער אייער פארטרעטער וועט קענען אויספרעגן דעם מענטש און סיי וועלכע עדים פון די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט'ס זייט.

אויב איר קענט נישט גיין צום יושר'דיגע איבערזובט, קענט איר שיקן א צווייטן אנטשטאטס אייך. אויב איר שיקט איינעם וואס איז נישט קיין לויער צו די יושר'דיגע געהער, מוזט איר גיבן פאר יענעם א בריוו איבערצוגעבן פאר דעם אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער. די בריוו זאל זאגן פארן ריכטער אז איר ווילט אז דער מענטש זאל אייך פארטרעטן ביי די יושר'דיגע געהער. אויב דער אדמיניסטראטיווע געזעץ ריכטער באשליסט אז אייער אנוועזנהייט איז פארלאנגט, און אז אייער עדות איז נויטיג, וועט די געהער מעגליך אפגעשטופט ווערן פאר אן אנדערן טאג אז איר זאלט ערשיינען. איר וועט איינגעמאלדן ווערן איבער דעם נייעם טאג דורך די פאסט.

**באמערקונג:** אויב איר בעט דאס, קענט איר צוריקבאקומען די געלט וואס איר האט אויסגעגעבן פאר פובליק טראנספארטאציע, פאר איינער וואס זאל היטן אויף אייערע קינדער און אנדערע נויטיגע אויסגאבן כדי צו קענען גיין צו די יושר'דיגע געהער. אויב עס איז נישט פארהאן קיין פובליק טראנפארטאציע, קענט איר מעגליך צוריקבאקומען די געלט וואס איר האט אויסגעגעבן פאר אן אנדערע סארט טראנספארטאציע. אויב איר קענט זיך נישט באנוצען מיט פובליק טראנספארטאציע צוליב א געזונטהייט פראבלעם, קענט איר מעגליך צוריקבאקומען די געלט וואס איר האט אויסגעגעבן פאר אן אנדערע סארט טראנספארטאציע. אבער איר וועט מעגליך מוזן צושטעלן א מעדיצינישע באווייז.

**צו זעהן אייער קעיס און קאמפיוטער רעקארדס:**

איינמאל איר אפלייט פאר SNAP אדער אנדערע הילף, ווערן קעיס און קאמפיוטער רעקארדס געהאלטן איבער אייער קעיס. געוועגטליך האט איר די רעכט צו זעהן די רעקארדס. עס איז אבער מעגליך אז איר וועט **נישט** קענען זעהן אלע רעקארדס. אייער וואָרקער קען אייך ערקלערן די כללים.

ווען איר שרייבט צו פארלאנגען קאפיעס פון אייערע קאמפיוטער רעקארדס, פארלאנגט די פערזענליכע פריוואטקייט באשיצונג געזעץ (Personal Privacy Protection Law) אז ניו יארק סטעיט אגענטורן זאלן אייך שיקן אייערע רעקארדס; **אדער** אייך זאגן פארוואס זיי וועלן אייך נישט געבן אייערע רעקארדס; **אדער** אייך זאגן אז זיי האבן באקומען אייער פארלאנג און זיי וועלן באשטימען אויב איר זענט ערלויבט צו באקומען אייערע רעקארדס ביז פינף ארבעט'ס טעג פון ווען זיי באקומען אייער פארלאנג בריוו.

**<u>איינער וואס אפלייט פאר/באקומט SNAP האט עטליכע *פאראנטוואטליכקייטן*</u>:**

**באשעפטיגונג פאדערונגען פאר מענטשן וואס אפלייען פאר אדער באקומען SNAP**

חוץ אויב א מענטש שיקט צופרידנשטעלנדע דאקומענטן צו די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט אויפווייזנדיג אז דער מענטש איז פטור (נישט געפאדערט אנטיילצונעמען) פון SNAP ארבעט'ס פאדערונגען (ווי געשילדערט אונטן), מוז דער מענטש:

- אננעמען א דזשאב אדער א פארשלאג פון א דזשאב עפענונג;
- נישט אויפגעבן א דזשאב אדער באשליסן צו ארבעטן וויניגער פון 30 שעה א וואך אן האבן א גוטע סיבה דערפאר;
- איבערגעבן אינפארמאציען; און
- אנטיילנעמען אין ארבעט אקטיוויטעטן ווי באאויפטראגט דורך די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט

א מענטש שיקט איז פטור פון SNAP ארבעט פאדערונגען אויב צופרידנשטעלנדע דאקומענטן ווערן איבערגעגעבן צו די סאָושעל סערוויסעס בעאמטער אז דער מענטש איז:

- יונגער פון 16 יאר אלט אדער 60 יאר אדער עלטער.
- גייסטיש אדער פיזיש באגרעניצט, אומפעאיג אדער קראנק און נישט אומשטאנד צו טוהן ארבעט'ס אקטיוויטעטן.
- פאראנטווארטליך זיך אפצוגעבן מיט א דיפענדענט (אנגעוויזענע) קינד אונטער זעקס יאר אלט. אויב איר נעמט אנטייל אין אן ארבעט'ס ערפארונג אונטער א פעדעראל-פינאנצירטע צייטווייליגע הילף פראגראם, גייט די אויסנאם פון SNAP ארבעט פאדערונגען נישט אן.
- אונטער – און אויספאלגנדיג – אן ארבעט פאדערונג אונטער א פעדעראל-פינאנצירטע צייטווייליגע הילף פראגראם.
- טראגט די אחריות זיך אפצוגעבן מיט א באהינדערטע מענטש.
- איינער וואס אפלייט פאר אדער באקומט ארבעטסלאזיגקייט (אָנעמפלאָימענט) אינשורענס בענעפיטן.
- א רעגלמעסיגער אנטיילנעמער אין א דראג אדער אלקאהאל באהאנדלונג פראגראם.
- א סטודענט איינגעשריבן פאר כאטש האלב פון די טאג אין אן אנערקענטע שולע, טרענירונג פראגראם אדער מוסד פאר העכערע בילדונג.
- באשעפטיגט צום וויניגסטנס 30 שעה א וואך <u>אדער</u> פארדינט צום וויניגסטנס 30 מאל די פעדעראלע מינימום פער-שעה געהאלט יעדע וואך.
- איינער וואס אפלייט פאר סאָפּלעמענטעל סעקיורעטי איינקונפט (Supplemental Security Income, SSI) און SNAP בענעפיטן אונטער די געזעצן וועלכע ערלויבן צו אפלייען פאר ביידע צוזאמען; אדער
- א 16 אדער 17 יעריגער מענטש וואס איז נישט די הויפט פון א הויזגעזונד <u>אדער</u> וואס גייט אין שולע אדער צו א באשעפטיגונג פראגראם צום וויניגסטנס פאר האלב פון די טאג.

אויב א מענטש פאלגט נישט אויס מיט א SNAP ארבעט פליכטן אדער אויב זיי גיבן אויף א דזשאב, קען דער מענטש ווערן אומבארעכטיגט פאר SNAP בענעפיטן. די לענג פון די צייט ווי לאנג דער מענטש בלייבט אומבארעכטיגט פאר SNAP בענעפיטן ווענדט זיך אויף די צאל מאל וואס דער מענטש איז באשטראפט געווארן פארן נישט אויספאלגן אן ארבעט פליכט.

**לייענט די וויכטיגע אינפארמאציע פון אונטן *(פארגעזעצט)***

**נאך פאדערונגען פאר די וועלכע באקומען SNAP צו זיין בארעכטיגט פאר אזעלכע וועלכע זענען פעאיגע ערוואקסענע אן אנגעוויזענע אויף זיי (Able-Bodied Adults without Dependents, ABAWD)**

א מענטש וואס איז געפאדערט צו אויספאלגן SNAP ארבעט פאדערונגען, מוז נאכקומען נאך SNAP בארעכטיגונג פאדערונגען חוץ אויב דער מענטש איז:

- היימלאז;
- 24 יאר אדער יונגער און איז געווען אין פאסטער קעיר אויף זייער 18'טע געבורטסטאג;
- אונטער 18 יאר אלט אדער 53 יאר אדער עלטער;
- וואוינט אין א SNAP הויזגעזונד וואס רעכנט אריין א מיטגליד וואס איז אונטער 18 יאר אלט;
- א וועטעראן;
- איינער וואס באקומט דיסעביליטי בענעפיטן פון א פובליק אדער פריוואטע מקור, ווי צום ביישפיל NYS דיסעביליטי בענעפיטן;
- טראגעדיג; אדער
- נישט אומשטאנד צו ארבעטן פאר צום וויניגסטנס 80 שעות א חודש צוליב א פיזישע אדער גייסטישע באגרעניצונג.

**באמערקונג:** *נאר א מענטש וואס קומט נאך איינס אדער מער פון די באדינגונגען אויסגערעכנט אויבן וועט זיין פטור פון ABAWD פאדערונגען. אנדערע ABAWDס אין די SNAP הויזגעזונד וועלן נאכאלץ געפאדערט ווערן צו אויספאלגן ABAWD פאדערונגען כדי צו פארזעצן צו באקומען SNAP בענעפיטן פאר מער פון 3 חודשים ארויס פון א 36-חודשים'דיגע תקופה.*

מענטשן וועלכע זענען נישט פטור פון די צוגעלייגטע בארעכטיגונג פאדערונגען אויסגערעכנט אויבן ווערן פארערכנט אלס אן ABAWD און זענען נאר בארעכטיגט צו באקומען SNAP בענעפיטן פאר דריי חודשים ארויס פון א 36 חודשים'דיגע תקופה, חוץ אויב דער מענטש:

- ארבעט (אריינרעכענענדיג ארבעטן פאר ביליג בחסד/וואלונטירן) פאר צום וויניגסטנס 80 שעה א חודש;
- נעמט אנטייל אין א באשעפטיגונג און טרענירונג פראגראם פאר וועטעראנען אנגעפירט דורך די לעיבאר דעפארטמענט אדער דורך די דעפארטמענט פאר וועטעראן אנגעלעגנהייטן (Department of Veterans Affairs);
- נעמט אנטייל אין א קוואליפיצירנדע ארבעט/טרענירונג פראגראם באשטעטיגט דורך די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט צום וויניגסטנס פאר 80 שעה א חודש;
- נעמט אנטייל אין אן ארבעט ערפארונג פראגראם (Work Experience Program, WEP) אויפגאבע פאר אזויפיל שעות יעדע חודש ווי די צאל ווי זייער הויזגעזונד'ס SNAP בענעפיטן צוטיילט דורך די פעדעראלע אדער סטעיט מינימום געהאלט — וועלכע עס איז העכער;
- נעמט אנטייל אין א פראגראם אונטער די ארבעטסקראפט פארגעשריטנקייט און געלעגנהייט געזעץ (Workforce Innovation and Opportunity Act) וואס קען אריינרעכענען זוכן אן ארבעט, ארבעט'ס גרייטקייט, ארבעט סקילס טרענירונג, און בילדונג אקטיוויטעטן, אדער אונטער די האנדלס געזעץ (Trade Act) פון 1974 צום וויניגסטנס פאר 80 שעה א חודש; אדער,
- נעמט אנטייל אין ארבעט און אין קוואליפיצירנדע ארבעט פראגראם אויסגעמישט צום וויניגסטנס פאר 80 שעה א חודש אלעס צוזאמען;

**באמערקונג:** *די פעדעראלע ABAWD פאדערונגען אויסגערעכנט אויבן גייען אן פאר <u>יעדע</u> ABAWD אין די SNAP הויזגעזונד.*

אויב דער ABAWD קומט נאך סיי וועלכע פון די פאדערונגען אויסגערעכנט אויבן, אבער האט נישט איינגעמאלדן די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט, זאל דער מענטש זיך באלד פארבינדן מיט די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט און איבערגעבן דאקומענטן איבער זייער אנטיילנעמונג כדי נישט צו ווערן אומבארעכטיגט פאר SNAP בענעפיטן נאכן באקומען SNAP בענעפיטן פאר 3 חודשים ארויס פון א 36-חודשים'דיגע תקופה. אויב דער ABAWD נעמט נישט אנטייל אין ארבעט אדער אין קוואליפיצירנדע אקטיוויטעטן פאר צום וויניגסטנס 80 שעה א חודש און וויל באקומען SNAP בענעפיטן נאך די 3 חודשים'דיגע באגרעניצונג און קען נישט באקומען באצאלטע ארבעט פאר צום וויניגסטנס 80 שעה א חודש, זאל זיך דער ABAWD <u>באלד</u> פארבינדן מיט די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט צו אויסשמועסן די ארבעט אדער ארבעט פראגראמען וועלכע זענען דא כדי צו ערלויבן דעם ABAWD צו נאכקומען זייערע פעדעראלע ABAWD פאדערונגען.

אין צוגאב מוז דער ABAWD איבערגעבן דאקומענטן פונעם אנטייל נעמען אין אומבאצאלטע ארבעט'ס אקטיוויטעטן אויף א חודש'ליכע פארנעם און באריכטן צו די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט ביז 10 נאך די סוף פון די חודש אויב דער ABAWD'ס ארבעט'ס שעה'ן ווערן וויניגער פון 80 שעה א חודש. פארפעלן אויסצופאלגן די פאדערונגען אן א בארעכטיגטע סיבה קען פירן דערצו אז דער ABAWD זאל ווערן אומבארעכטיגט פאר SNAP בענעפיטן.

**בארעכטיגטע סיבה**

א מענטש קען אויך מעגליך האבן א בארעכטיגטע סיבה וואס האט זיי צוריקגעהאלטן פון אויספאלגן ארבעט פאדערונגען, ארבעטן אדער אנטיילנעמען אין ABAWD קוואליפיצירנדע אקטיוויטעטן פאר צום וויניגסטנס 80 שעה א חודש. א בארעכטיגטע סיבה איז אן אינצידענט אדער צושטאנד וואס א מענטש קען נישט קאנטראלירן וואס האלט צוריק א מענטש פון נאכקומען די ארבעט פאדערונגען אריינרעכענענדיג די ABAWD פאדערונגען דורכאויס דעם חודש. בארעכטיגטע סיבה ביישפילן רעכענען אריין – אבער נישט נאר – א צייטווייליגע קראנקהייט אדער א הויזגעזונד עמערדזשענסי. א מענטש איז געפאדערט צו צושטעלן א באווייז פון סיי וועלכע בארעכטיגטע סיבה אדער פטור פון די ארבעט פאדערונגען אריינרעכענענדיג די ABAWD ארבעט כללים, ווען פארלאנגט דורך די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט. באווייז פון א בארעכטיגטע סיבה קען אריינרעכענען א סטעיטמענט פון א מעדיצינישע פראפעסיאנאל וואס גיבט קעיר פאר דעם מענטש.

אויב א מענטש גלויבט אז זיי האבן א גוטע סיבה פארן נישט נאכקומען די ארבעט פאדערונגען אריינרעכענענדיג די ABAWD פאדערונגען, אדער אויב דער מענטש גלויבט אז זיי דארפן זיין פטור פון די פאדערונגען וויבאלד זיי קומען נאך איינס פון אומשטענדן אויסגערעכנט אויבן אדער וואוינען אין א פלאץ ארט מיט א באשטעטיגטע ABAWD וועיווער (פטור), זאל דער מענטש זיך באלד פארבינדן מיט די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט און איבערגעבן דאקומענטן וואס ווייזן דאס אויף. אויב אן ABAWD קומט נישט נאך די פעדעראלע ABAWD פאדערונגען און פארלירט צוליב דעם זייער בארעכטיגונג פאר SNAP, קען דער מענטש מעגליך באקומען SNAP נאכאמאל אויב זיי זענען אנדערש בארעכטיגט, און זיי זאלן זיך באלד פארבינדן מיט די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט צו איבעררעדן וואס זיי דארפן טוהן צוריקצובאקומען SNAP בארעכטיגונג.

## לייענט די וויכטיגע אינפארמאציע פון אונטן *(פארגעזעצט)*

**אויב איר זענט פארדעכטיגט מיט שווינדל**
אויב איר ווערט געוואויר אז איר ווערט אויסגעפארשט צוליב וואס אן ארבעטער האלט איז איר האט נישט געזאגט דאס אמת איבער אייער קעיס, זאלט איר רעדן מיט א לויער. אויב איר ווערט אנגעקלאגט מיט וועלפיער שווינדל אין קרימינעל געריכט, וועט דער געריכט, אויב איר זענט בארעכטיגט, אייך צוטיילן א לויער אייך צו פארטרעטן בחינם.

**פאראנטווארטליכקייט צו מאכן א נייע אפוינטמענט פאר א פארפאסטע אינטערוויו:**
אלץ איינער וואס אפלייט פאר אדער באקומט SNAP, זענט איר פאראנטווארטליך צו מאכן א נייע אפוינטמענט אויב איר האט פארפאסט אן אינטערוויו בעפאר די 30'סטע טאג נאך די דאטום ווען איר האט אפלייט זיך צו פארמיידן פון פארלירן SNAP

**פאראנטווארטליכקייט איבערצוגעבן באווייזן**
ווען איר אפלייט פאר SNAP וועט איר געבעטן ווערן צו אויפווייזן געוויסע זאכן. אייער וואָרקער וועט אייך זאגן וואס עס פעהלט אויס. געפאדערטע דאקומענטן קענען זיין אנדערש פאר אנדערע הילף פראגראמען. אויב די סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט האט שוין באווייזן פון געוויסע זאכן וואס טוישן זיך נישט, צום ביישפיל א סאָושעל סעקיוריטי נומער, דארפט איר דאס נישט נאכאמאל איבערגעבן.

דורכן האבן באווייזן פון אידענטיטעט און אנדערע וויכטיגע דאקומענטן ווען איר אפלייט פאר הילף, קענט איר שנעלער באקומען הילף.

אויב איר ברענגט אריין דאקומענטן צו אייער סאָושעל סערוויסעס אפיס, בעהט פאר א רעסיט וואס זאל אריינרעכענען די נאמען פון די דיסטריקט, אייער נאמען די דאטום, צייט, אויסרעכענען אלע ספעציפישע דאקומענטן וואס זענען איבערגעלאָזט געווארן און די נאמען פון דעם וואָרקער וואס גיבט אייך די רעסיט.

איר מוזט איבערגעבן די באווייזן וואס אייער וואָרקער זאגט אייך אז זיי זענען נויטיג כדי אז עס זאל באשטימט ווערן אויב איר זענט בארעכטיגט פאר SNAP. אויב איר האט שוועריגקייטן צו באקומען די פארלאנגטע באווייזן, מאכט דאס באקאנט פאר אייער וואָרקער.

**נישט-בירגער בארעכטיגונג אינפארמאציע**
פילע מענטשן וועלכע זענען נישט קיינע בירגער זענען קוואליפיצירטע נישט-בירגער וועלכע זענען בארעכטיגט פאר SNAP. אפילו אויב איר זענט נישט בארעכטיגט, זענען אייערע קינדער מעגליך יא. SNAP זאלט נישט האבן קיין השפעה אויף אייער אימיגראציע סטאטוס אין פארבינדונג מיט סיי וועלכע USCIS באשלוס איבער אייער אימיגראציע ענינים.

איר קענט זיין בארעכטיגט פאר SNAP אויב איר זענט א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן, א נישט-בירגער פאראייניגטע שטאטן נעשיאָנאלל (געבוירן אין אמעריקען סעמאָוע אדער אויף סוועינס איילענד) אדער א קוואליפיצירטער אימיגראנט. א קוואליפיצירטער נישט-בירגער פאר SNAP בארעכטיגונג איז:

1. אן אמעריקאנער אינדיאנער געבוירן אין קאנאדע מיט באטש 50 פראצענט בלוט פון די אמעריקאנער אינדיאנער ראסע אונטער אפטיילונג 289 פונעם אימיגראציע און נאציאנאליטעט געזעץ (Immigration and Nationality Act, INA); אדער
2. א מיטגליד פון א פעדעראל-אנערקענטע אינדיאנע שבט אונטער טייל 4(e) פון די אינדיאנער מעגליכקייט אליין צו מאכן באשליסן און בילדונג הילף געזעץ (Indian Self-Determination and Education Assistance Act); אדער
3. א נישט-בירגער וואס איז אריינגעלאזט געווארן אלס א העמאנג (Hmong) אדער הייעלנד לעאשיען (Highland Laotian), אריינרעכענענדיג אויף די מאן/ווייב (אדער נישט נאכאמאל חתונה געהאטע איבערלעבנדע מאן/ווייב) אדער נישט חתונה געהאטע אנגעוויזענע (דיפענדענט) קינד; אדער
4. אן אנטלאפענער אריינגענומען אונטער טייל 207 פון די INA; אדער
5. א נישט-בירגער וואס איז געשאנקען געווארן אזיל רעכט אונטער טייל 208 פון דעם INA; אדער
6. א נישט-בירגער וועמען'ס דעפארטאציע איז צוריקגעהאלטן געווארן אונטער טייל 243(h) פון דעם INA ווי אין קראפט בעפאר אפריל 1, 1997, אדער אויב דאס אוועקפירן איז אפגעהאלטן געווארן אונטער טייל 241(b)(3) פון דעם INA; אדער
7. א נישט-בירגער וואס איז אריינגענומען געווארן אלס א קובאנער אדער האיטיער אריינקומער אונטער טייל 501(e) פון דעם 'אנטלאפענע בילדונג הילף געזעץ' (Refugee Education Assistance Act) פון 1980; אדער
8. א נישט-בירגער וועלכער איז א קרבן פון מענטשן-האנדל אונטער טייל 103(8) פון דעם 'קרבנות פון מענטשן האנדל באשיצונג געזעץ' (Trafficking Victims Protection Act) פון 2000; אדער
9. א געזעצליך וואוינענדע אימיגראנט וועלכער איז אין אקטיוון דינסט אין די פאראייניגטע שטאטן מיליטער, א בכבוד'דיגע אהיימגעשיקטער וועטעראן וואס איז נישט אהיימגעשיקט געווארן צוליב אימיגראציע סטאטוס, זייער מאן/ווייב, נישט חתונה געהאטע אנגעוויזענע קינדער אדער נישט נאכאמאל חתונה געהאט איבערלעבנדע מאן/ווייב; אדער
10. א נישט-בירגער אריינגענומען אלס אן אמערעיזשען (Amerasian); אדער
11. א נישט-בירגער וואס איז געזעצליך אריינגענומען געווארן פאר פערמענאנטע וואוינונג אונטער דעם INA און איז 5 יאר אין דעם סטאטוס; אדער
12. א נישט-בירגער אויף פּעראָול אונטער טייל 212(d)(5) פון דעם INA פאר צום ווייניגסטנס 1 יאר און וואס איז 5 יאר אין דעם סטאטוס; אדער
13. א מאן/ווייב אדער קינד וואס איז אריבער אביוז, עלטערן פון א קינד וואס איז אריבער אביוז אדער א קינד פון עלטערן וועלכע זענען אריבער אביוז מיט א פעטיציע וואס ווערט איבערגעקוקט אדער וואס איז באשטעטיגט געווארן אונטער 8 USC 1641(c) וואס איז אריינגעקומען בעפאר 8/22/96 אדער וואס איז 5 אין דעם סטאטוס; אדער
14. נישט-בירגער קענען אויך זיין בארעכטיגט פאר SNAP אויב:
    - זיי זענען אריינגענומען געווארן געזעצליכערהייט פאר קביעות'דיגע וואוינונג און האבן פארדינט, אדער קענען צוגערעכנט ווערן 40 פערטל-יארן פון ארבעט; אדער
    - זיי זענען אין א קוואליפיצירטע סטאטוס אויסגערעכנט אויבן און באקומען געוויסע דיסעבילעטי אדער בלינדקייט בענעפיטן; אדער
    - זיי זענען אין א קוואליפיצירטע סטאטוס און זענען אונטער 18 יאר אלט; אדער
    - זיי זענען געזעצליך אין די פאראייניגטע שטאטן אום אויגוסט 22, 1996 און זענען בלינד, דיסעיבעלד אדער 60 יאר אדער עלטער; אדער
    - זיי זענען מענטשן פון איראק אדער אפגאניסטאן געשאנקען ספעציעלע אימיגראציע סטאטוס אונטער טייל 101(a)(27) פון די INA אדער זענען געשאנקען געווארן אריינגאנג אונטער באדינגונגען אונטער טייל 203(a)(7) פון די INA ווי אין קראפט בעפאר 4/1/80.